און זיי פאַרברענט פאַר אַלעמען אין די אויגן; און
מען האָט באַרעכנט זייער ווערט, און געפונען (אַז
עס האָט באַטראָפן) פופציק טויזנט שטיק זילבער.
20 אַזוי מעכטיק איז געוואַקסן דאָס וואָרט פון דעם
האַר און האָט זיך געשטאַרקט.
21 און נאָך דעם ווי די דאָזיקע זאַכן זענען געשען,
האָט פּוילוס פאַרגענומען אין זיין גייסט, אַז ווען
ער וועט האָבן אַדורכגעגאַנגען מאַצעדאָניען און
אַכאַיאַ, צו פאָרן קיין ירושלים, און האָט געזאָגט:
נאָך דעם ווי איך וועל דאָרטן זיין, מוז איך אויך
22 זען רוים. און אַוועקשיקנדיק קיין מאַצעדאָניען
צוויי פון די, וואָס האָבן אים באַדינט, טימאָטעוסן
און עראַסטוסן, איז ער אַליין נאָך פאַרבליבן אַ
געוויסע צייט אין (קליין) אַזיען.
23 און אַרום יענער צייט איז געשען נישט קיין
24 קליינע מהומה וועגן דעם (משיחישן) דרך. וואָרום אַ
געוויסער מאַן, מיטן נאָמען דימעטריוס, אַ זילבער־
שמיד, וועלכער פלעגט מאַכן זילבערנע טעמפּלען פון
אַרטעמיס, און געבן די האַנטווערקער נישט קיין
25 קליינעם פאַרדינסט; האָט זיי פאַרזאַמלט און די
(אַנדערע) בעלי מלאכות פון אַזעלכע זאַכן, און
געזאָגט: מענער, איר ווייסט, אַז פון דער דאָזיקער
26 אַרבעט האָבן מיר אונזער וואוילשטאַנד. און איר
זעט און הערט, אַז נישט נאָר אין עפעזוס, נאָר כמעט
אין גאַנץ (קליין) אַזיען האָט דער דאָזיקער פּוילוס
איבערגערעדט און אָפּגעקערט אַן אַנגעזעענעם
המון מענטשן, זאָגנדיק, אַז דאָס זענען נישט קיין
27 געטער, וואָס ווערן געמאַכט מיט הענט; און עס
איז אַ סכנה, אַז נישט בלויז אונזער פאַך וועט ווערן
צו שפּאָט, נאָר אַפילו דער טעמפּל פון דער גרויסער
געטין אַרטעמיס וועט פאַר נישט געאַכט ווערן;